לייזער וואָלף

# די ברוינע בעסטיע



אָגיז
פֿאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע 1943

JA
892.491
וול
1311723
19

VOLF, Leyzer

אינעם ביכל „די ברוינע בעסטיע" ווערנ געגעבנ די לידער, וואָס לייזער וואָלפ האָט אָנגעשריבנ אינ די יאָרנ 1941—1942. ס'איז אַנטיפאַשיסטישע באַלאַדעס און סאַטירעס, געשאַפנ לויטנ מוסטער און אויפנ גרונט פונ יידישע פאָלקס-לידער. לייזער וואָלפס האַס צו די ברוינע וועלט-מערדער האָט זיכ דאָ אויסגעדריקט שאַרפ און הייס. באַזונדערס זײַנענ אונדז טײַער די דאָזיקע לידער, ווײַל זיי זײַנענ טיפ-אינערלעכ פאַרבונדנ מיטנ פאָלקס-געזאַנג — מיט דעמ געזאַנג, וואָס קענ ניט און וועט ניט פאַרטיליקט ווערנ, ווי ס'קענ ניט און וועט ניט פאַרטיליקט ווערנ אונדזער פאָלק.

אינ דער ליד „ווילנע" („ליריק און סאַטירע", „עמעס", 1940) האָט לייזער וואָלפ זיכ געווענדט צו זײַנ געבורט-שטאָט:

„...ביסט איצט געהיילט און ביסט באַנײַט,
זיכ הער דײַנ פרייד-געריש פונ ווײַטנ,
איכ זע דעמ שמייכל דעמ באַפרײַטנ
פונ דײַנע בלייכע יונגעלײַט,
וואָס האָבנ לאַנג אינ טונקלקייט
געטרוימט ווי רויטאַרמייער רײַטנ..."

ניטאָ זײַ׳ר ווי דאָס האַרצ, וואָס דער טאַלאַנטפולער סאָוועטישער יידישער דיכטער לייזער וואָלפ איז געשטאָרבנ. די רויטאַרמייער רײַטנ, די רויטאַרמייער רײַטנ איצט מיט ניצכוינעס אַפ נײַרעזי, — זיי וועלנ קומענ אייכ אינ לייזער וואָלפס געבורט-שטאָט, זיי וועלנ קומענ אהינ מיטנ גרעסטנ ניצאָכנ, מיט דער פריידיקסטער אויסלייזונג פאַרנ יידישנ פאָלק און פאַר אַלע פעלקער.

די לידער לייזער וואָלפס „די ברוינע בעסטיע" וועלנ צוזאַמענ מיט זײַנ גאַנצער שאַפונג בלײַבנ אינ אונדזער ליטעראַטור אַלס צאָרנ- און קאַמפ-אויסגעשרייענ פונ אונדזער פאָלקס-מאַסע, אַלס שיינער אָנדענק דעמ דיכטער לייזער וואָלפ און זײַנ אָנטייל אינעמ קאַמפ קעגנ דער ברוינער בעסטיע.

18/VIII 1943

עזרא פינינבערג

## איז געפלויגנ די ברוינע בעסטיע...

איז געפלויגנ די ברוינע בעסטיע
איבער אַלע מעדינעס,
און אומעטומ האָט זי געזייט
סאַמ און גיפטיקע סינע.

ניט אַזוי די ברוינע בעסטיע,
ווי איר רייעכ און אָווער.
מיט ציינ געפרעסטע
דײַנ שווערד פאַרמעסט איצט,
צעהאַק זי, טײַערער כאַווער!

איז געגאַנגענ די ברוינע בעסטיע
מיט די גרויסע שפרײַזנ.
איז געפלויגנ די ברוינע בעסטיע
מיט פעדערנ פונ אײַזנ.

ניט אַזוי איר אײַזערנע פעדער,
ווי איר פרעסיקער זשאָווער.
מיט ליפנ געפרעסטע,
מיט זעצנ פעסטע
צעהאַק זי, טײַערער כאַווער!

איז געגאנגענ די ברוינע בעסטיע
מיטנ קרייצ אינ קלאפע
אונ אפ אלע פרײַע פעלקער
האָט זי געלייגט איר לאפע.

ניט אזוי איר שווערע לאפע,
ווי איר מיִעסער כאראקטער.
יונגענ פעסטע
מיט מעסערס גרעסטע,
די שארפע נעגל צעהאקט איר.

איז געקומענ די ברוינע בעסטיע
אינ שיינעם לאנד פונ די זונענ.
אונ דאָ האָט זי די ערשטע פעסטע
קלעפ אינ איר קאָפּ באקומענ.

ניט אזוי די ברוינע בעסטיע,
ווי איר מיִעסער כאראקטער.
העלדנ בעסטע
מיט שווערדנ גרעסטע,
דעם הארטנ שארבנ צעהאקט איר!

---

## אמאָל איז געווענ א מיילעכ

אמאָל איז געווענ א מײַסע.
די מײַסע איז גאָר ניט פריילעכ.
די מײַסע הייבט זיכ אָנעט
מיט א מערדער א מיילעכ.

ליולינקע, מײַנ פייגעלע,
ליולינקע, מײַנ קינד.
ס׳דערוואַרט אים אזא מאפּאָלע,
ווײ איז אים אונ ווינד.

אמאָל איז געווענ א מיילעכ,
דער מיילעכ האָט געהאט א מאלפע.
די מאלפע האָט געהאט א שווײַנגאָרטנ,
ליולינקע, מײַנ קינד.

ליולינקע, מײַנ פייגעלע,
ליולינקע, מײַנ קינד.
ס׳דערוואַרט אים אזא מאפּאָלע,
ווײ איז אים אונ ווינד.